# דִיא שְׁקְלַאוֶוערַייא

## אדער

## דִיא לַייבּאֵייגֶענְשַׁאפְט (פְּאָדַאנסטוואָ)

דָאס אִיזְט אֵיינָע וַואהרֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּנ וואוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין אַמֶערִיקָא פַאר עֶטְלִיכֶע אוּנ צְווַאנְצִיג יָאר צוּרִיק מִיט אֵיינֶעם גֶעווִיסֶען נֶעגֶער (מוּרִין) „אָנְקֶעלְטָאם״ וָואס וַואר אַשְׁקְלַאוֶוע בַּייא אֵיינֶעם גֶעווִיסֶען אִידִישֶׁען פְּפְלַאנְצֶער גוּטְס בֶּעזִיצֶער „אברהם שעלבי״ · דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע אִיזְט פֶערְפַאסְט אִין אֵיינְגְלִישׁ אוּנ אִיבֶּער זֶעצְט אִין אַלֶע שְׁפְּרַאכֶען · יֶעצְט הָאבִּין מִיר אִיר אִין אִידֶעם דַייטְשׁ אִיבֶּער זֶעצְט מִיט אַיין שֵׁיינֶע הַקְדָמָה ·

## ווילנא


בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם

שנת תרכ״ח לפ״ק


**ДИ СКЛАВЕРЕИ,**

Или разсказъ изъ быта американскихъ рабовъ.

**ЧАСТЬ I.**


ВИЛЬНА. Въ типографіи Р. М. Ромма. 1868 г.
На жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

Дозволено Цензурою 20 Іюня 1868 года. Вильна.

# פארבעריכט (הקדמה)

שוין פון אונדיינקליכע צייטען איז איין גיפירט געווארין דער שקלאווענשטאנד (פּאראנסטווא) אונטער אלע פעלקער · אונ אונטער אלע לענדער · דאס זעלבסט אין אונזער תורה וואש איז דער עלטערסטער ספר אין דער וועלט · איז שוין צו גיפינען גינונג שפורען (סליעדן) פון דיזעם שענדליכען מענשין האנדעל למשל וויא מכירת יוסף · מען שרייבט דאס דאש וואקסט נור ארויש פון איינעם פלוך וואש נח האט גיפלוכט דעם חם · וואש ער האט אים גישאלטין מיט דיזע ווערטער (עבד עבדים יהיה לאחיו) נון ווייזט עס אויש נאך איהרע הייליגע ערצייהלונג דאס דיא שקלאווערייא האט זיך אן געהייבין נור פון דיא נעגער (מורינעם) וואש קומען ארויש פון חם אונ וואש ווערין אן גירופען ביי אונז כושים · אונ דער נאך ערשט האט זיך מיט דער צייט דיזער איבעל (בייזעם) אויס גיברייטעט איבער דיא ווייסע מענשען אויך וואש קומען ארויס פון שם אונ יפת :

אונ דאהער איז דיא שקלאווערייא בכלל · הן פון ווייסע מענשין אונ הן פון שווארצע מענשין אן צוא זעהן נור פאר איין היסטארישעם רעכט (דאש הייסט אזו ארעכט וואש האט זיין יסוד נור אין דיא אלטע געשיכטען אונ אין דיא אלטע דאטען · אונ בפרט נאך וויא עס שיינט פון אונזער תורה דאס ער קומט ארויס נור פון איין פלוך) אבער ניט פאר איין פערנונפט רעכט · (דאש הייסט פאר אזו ארעכט וואש איז געגרינדעט אויף דיא וואהרע בעווייזע פון דעם מענשענס פאר שטאנד וואש קען זיך קיין מאל ניט אומענדערין וויא דער רעכענונג פון צווייא מאל צווייא איז פיר) דען דער וואהרער שכל פון מענשען זאגט גראדע דעם היפך דער פון · ער זאגט דאש

מיר

מִיר אַלֶע מֶענְשֶׁען בִּכְלַל פוּן וֶועלְכֶע נַאצְיָאן מִיר אויךְ זַיינֶען אוּנ מִיט וֶועלְכֶער פַּארְבֶּע מִיר אויךְ גֶעבָּאהְרִין זִינְד זַיינֶען מִיר נוּר אַלֶע גְלַייכֶע בְּרִידֶער וְויא קִינְדֶער פוּן אֵיינֶעם פָאטֶער · אוּנְד אַזוֹ וְוילֶען הָאבִּין אויךְ אוּנְזֶערֶע סִפְרֵי קוֹדֶשׁ. אַזוֹ דְרִיקְט זִיךְ אוֹים אִיוֹב אִין זַיינֶעם סֵפֶר (אם אמאם משפט עבדי ואמתי ברבם עמדי : ומה אעשה כי יקום אל וכי יפקוד מה אשיבנו : הלא בבטן עשני עשהו ויכוננו ברחם אחד) דָאשׁ הֵייסְט אַזוֹ הָאבּ אִיךְ דֶען פַאר אַכְטָעט דָאשׁ רֶעכְט פוּן מַיין דִינֶער אוּנ פוּן מַיינֶער דִינֶערִין אִין זֵייעֶר רִיכְטֶען זִיךְ מִיט מִיר · דֶען אִיךְ הָאבּ בַּייא מִיר גִידֵיינְקְט וָואשׁ וֶועל אִיךְ טָאן וֶוען גָאט וֶועט זִיךְ פַאר זֵייא אָן נֶעמֶען · דֶען דֶער זֶעלְבִּינֶער וָואשׁ הָאט מִיךְ גֶעשַׁאפֶן הָאט אִים גֶעשַׁאפֶן · אֵיין מַייסְטֶר הָאט אוּנְז אוֹים גֶעבִּילְדֶעט אִין אֵיין מוּטֶער לַייבּ °) נוּן הָאבִּין מִיר קַיין רֶעכְט אַזוֹ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין צוּ פַר קוֹיפִין אוּנ אַזוֹ זִיךְ זֶעלְבְּסְט · פּוּנְקְט וְויא דִיא בְּנֵי יַעֲקֹב הָאבִּין קַיין רֶעכְט גִיהַאט צוּ פַאר קוֹיפִין זֵייעֶר בְּרוּדֶער יוֹסֵף · וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אֵיין חֵלֶק אֱלֹהַּ מִמַעַל וְויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (בצלם אלהים עשה את האדם) גָאט הָאט דֶעם מֶענְשִׁין מִיט זַיין אֵיינֶענֶעם פָּארֶעם גִימַאכְט · אוּנ מֶעהְר וְויא אֵיין פָאר מֶענְשֶׁען הָאט גָאט נִיט בַּשַׁאפִין · אוּנ פוּן אִים זַיינֶען אַרוֹישׁ גִיקוּמֶען שׁוֹין אַלֶער

האנד

---

°) פוּן דִיזֶע מֶענְשֶׁען פְרֵיינְדְלִיכֶע רֵייד זַיינֶע · אִיז דַייטְלִיךְ הֶערְוֹים צוּא זֶעהֶען דָאשׁ דִיזֶער גֶעטְלִיכֶער מַאן הָאט נוּר קְנֶעכְטֶע אָדֶער בֶּעדִינְטֶע גִיהַאט אַרוּם זִיךְ וָואשׁ הָאבִּין אִים נוּר פַאר לוֹין גֶעלְט גֶעדִינְט אָבֶּר קֵיינֶע שְׁקְלַאוֶוען · אוּנ דָאס וָוארְט עֲבָדִי הֵייסְט נוּר בַּייא אִים אַלוֹין קְנֶעכְט אוּנ וַוייטֶער נִיט · אֵיין קְרֶעפְטִיגֶער בֶּעוַוייז דֶער צוּא אִיז דָאשׁ דֶער פָּסוּק דֶער צֵיילְט נִיט דֶעם צָאל פוּן זַיינֶע קְנֶעכְט וְויא עֶר דֶער צֵיילְט דְעם צָאל פוּן זַיינֶע אָקְסֶען · קֶעמֶלֶען · שֶׁעפְּשִׁין · אוּנ אַזוֹ רוּפְט עֶר זַיינֶע בֶּעדִינְטֶע אויךְ נוּר מִיט דֶעם לָשׁוֹן נְעָרִים (קְנַאבֶּען) אַזוֹ וְויא עֶר רוּפְט זַיינֶע אֵיינֶענֶע קִינְדֶער אויךְ נוּר נְעָרִים (ויפול על הנערים וימותו) :

האנד פארביגע מענשען · ווייסע · שוואַרצע ברוינע און רויטע °) :

און דאהער געפינען מיר דאס אונזער תורה האט אין אונזער באציאן פאר באמין זייער שטריינג (שטרענגע) דעם שקלאווענשטאנד · קיין יודע האט ניט גיטארט פאר קויפט ווערען פאר איין לייב אייגענעם · קוים נור אויף זיבען יאר · און דאש אויך האט ער גימוזט בעהאנדעלט ווערין זייער הומאנים (מענשליך) מען האט ניט גיטארט

---

°) עש איז אגרויסער שטרייט צווא ווישין דיא פיזיקער (חוקרי הטבע) איבער דיא סבה פון דעם מורינס שווארצקייט · אטייל זאגין דאש זייא זיינען גבארין גיווארין פון איינעם אנדרין מין מענשין · אטייל זאגין דאש זייא זיינען גיווארין שווארץ נור דורך דיא זון וואש ברענט דארט זייער שטארק אין אפריקא וואו זייא וואונען דארט : און ביידע דעות זיינען ניט ריכטיג · דיא ערסטע דעה איז פאלש ווייל דיא תורה דער ציילט נור פון איין פאר מענשען · דיא אנדערע דעה איז אויך ניט ריכטיג · מיר זעהען דאך דאס אונזערע יודין וואונען דארט אין אפריקא אזו אצייט און זיינען דאך ווייס · דאהער איז אם גלייכסטען צווא האלטין מיט דער דעה פון אונזערע חכמים וואש זאגין דאס ווייל דער כנען איז גיבאהרען גיווארין אין דער תיבה איז ער ארויס גיקומען פון דער מוטער לייב שווארץ · און דאש איז ווייל אין דער צייט פון דעם מבול וואר איינע גרויסע צערשטערונג אין דער נאטור · עס וואר דאן איין זיקער טומאן · קיין זונען שיין · און וויא אונזערע חכמים זאגין ווארין דאן געהעמט (אבגעהאלטען) אלע פלאנעטען (מזלות) אין זייער מהלך · נון האט עס געווירקט זייער פיל אויף דעם כנען דאס ער איז ניט ארויש גיקומען ווייס · דען זעהעט מען בחוש דאש דיא זון שיין ווירקט זייער פיל · אויף צמחים · און בעלי חיים · אויך דיא מורינען ווערין גיבאהרין ווייס · ווערין אבער אין עטליכע טעג ארום שווארץ · אנדערע מורינען האבין ווייסע הענט · ווייסע פלעקין אין געזיכט · דער פון איז צו לעזען אין מדרש תנחומא :

גיטארט קיינע שווערע ארבעט מיט אים טאן · אונ . אויך קיינע
שענדליכע ארבעט (לא תרדה בו בפרך) נון ווילן האבין אונזערע
חכמים דאס איין עבד עברי האט ניט גידארפט נאך טראגין זיינעם
הערין אשעפיל אין באד · אויך ביא זיינעם אויש דינען זיך האט
אים גימוזט זיין הער באשיינקען מיט ברכות הבית (הענק תעניק לו)
דאש היישט זאלשט אים באשיינען אונ באקריינען מיט אלעם גוטין
פון וואש עס געפינט זיך ביא דיר אין שייער · דאש אונזערע חכמים
זאגין שוין אליין דארויף (כל הקונה עבד עברי כאלו קונה אדון
לעצמו) אויך איין עבד כנעני ווערט אין אונזער תורה זייער געשוינט ·
ווען דער הער זיינער האט אים אויס גישלאגין איין אויג אדער איין
צאן ווערט ער באלד בעפרייט · איז ער גישטארבין אונטער דיא
שלעק פון זיינעם הערין דא ווערט דער הער פאר געטייטעט · גלייך
וויא ער וואלט ערשלאגען איינעם פרייען יודען · דיא תורה האט
אונז ערלויבט מיט אים צו דינען אייביג אונ יאר נור אויס דעם גרונד
(סבה) דאש אנדערע פעלקער האבין זיך עס ערלויבט צוא טאן דאס
זעלבינע אויך מיט איין עבד עברי · אזו וויא זיא האט אונז ערלויבט
צו נעמען פראצענט ביא דעם ניכט יודען ווייל דער ניכט יודע
ערלויבט זיך צו נעמען פראצענט ביא דעם יודען :

ניט אזו אבער איז אין יענער צייט צו גיגאנגען מיט דיא
שקלאווען ביא אנדערע פעלקער וואש וואריז שוין דאן הויך
געבילדעט · זייא האבין דיא שקלאווען פון זייערע איינענע ברידער
פיל שלימער בעהאנדעלט אלס זייערע הינט · אזו פלעגין דיא
שפארטאנער מאכין איאכט אויף דיא העלאטען וואש וואריז ביידע
פון דער גריכעשע נאציאן אלס זייא האבין זייא אונטער דריקט
אונ גימאכט פאר שקלאוען · זייערע קינדער האבין זיך גילערינט
צילען אויף זייא מיט זייערע בויגענס · זעלבסט פלאטא דער גרעסטער
פון דיא חכמי יון האט גישריבין אין זיינע געזעצע דאש קיין שקלאווע
האט דאש רעכט צו פאר ענטפערין זיך · ביא דיא רומים וואר די
זיטע צוא האלטין ביא דער טיר איין נאקעטען שקלאווע צוא

געשמיטערהייט

גֶעשְׁמִידְטֶערְהַייט • אויךְ וַואר בַּייא זַייא דִיא גֶעזֶעצֶע דָאשׁ מֶען זָאל אוֹים טַייטְּן אַלֶע שְׁקְלַאוֶוען בִּיז אֵיינֶעם וָואשׁ גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַזוֹ אַהוֹיז וָואשׁ עֶס אִיז דָארְט עֶרְמָארְדֶעט גִיוָוארִין דֶער הֶער • אוּנ דוּרְךְ דִיזֶעס גֶעזֶעץ הָאט מֶען אַמָאל מֶעהְר אַלְס פִיר הוּנְדֶערְט שְׁקְלַאוֶוען אוּם גִיבְּרַאכְט אוֹיף דֶעם רִיכְט פְּלַאץ דוּרְךְ דִיא הֵיינְקֶער (תַּלְיָנִים) וַוייל מֶען הָאט גִיפוּנֶען זַייעֶרֶע הֶערִין דֶער שְׁלָאגִין • אוֹיךְ וָואר בַּייא זַייא אַגֶעזֶעץ דָאשׁ מֶען זָאל דִיא אַלְטֶע שְׁקְלַאוֶוען וָואשׁ קֶענֶען שׁוֹין מֶער נִיט אַרְבֶּעטִין אַוֶועק זֶעצֶען אוֹיף אֵיינֶע וִוישְׁטֶע אִינְזֶעל וָואשׁ וָואר אוֹיף דֶעם שְׁטְרָאם טִיבֶּער אוּנ מֶען זָאל זַייא לָאזִין דָארְט פַאר הוּנְגֶערִין • אַזוֹ הָאט זִיךְ בֶּענַאנְגֶען דֶער גְרוֹיסֶער רֶעמֶעשֶׁער פֶעלְד מַארְשַׁאל קַאטָא מִיט אַלֶע זַיינֶע אַלְטֶען שְׁקְלַאוֶוען • אוּנ הָאט דֶער נָאךְ מִיט זַייעֶר פְלֵיישׁ זַיינֶע הִינְט גֶעפִיטֶערְט • אוֹיךְ וָואר דָארְט אַגֶעזֶעץ וֶוען מֶען הָאט אֵיינֶעם דֶער הַאפְט דָאשׁ עֶר הָאט דֶער שָׁאסֶען אַהָאז אִין אַפְּרֶעמְדִין רֶעוִויר (וַואלְד) הָאט עֶר גִיהַאט דָאס רֶעכְט צוּ פַאר עֶנְטְפֶערִין זִיךְ • דָאשׁ עֶר הָאט זִיךְ גָאר גֶעצִירְט אוֹיף אֵיין אַלְטֶען שְׁקְלַאוֶוען • נוּ זֶעה מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין וִויא הוּמַאנֶעס (מֶענְשֶׁען פְרֵיינְדְלִיךְ) אִיז דִיא גִיזֶעצֶע פוּן אוּנְזֶער תּוֹרָה אִין דִיזֶעס עִנְיָן אַנְטְקֶעגֶען דִיזֶע אַלֶע טִירַאנֶעשֶׁע גֶעזֶעצֶע • אוּנ פְּשִׁיטָא שׁוֹין אִין אַנְדֶערֶע עִנְיָנִים • אוּנ אַזוֹ מִיט רֶעכְט הָאט משֶׁה זִיךְ דֶער מִיט בֶּערִיהְמְט אוּנ גִיזָאגְט (ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים ככל התורה הזאת אשר אנכי נותן לפניכם היום) דָאשׁ הֵייסְט אוּנ וואו אִיז דָא זָעלְבְּסְט אַגְרוֹיסֶע גֶעבִּילְדֶעטֶע נַאצְיָאן אִין דֶער וֶועלְט וָואשׁ זָאל הָאבִּין אַזֶעלְכֶע גֶערֶעכְטֶע גֶעזֶעצֶע אוּנ גְרַאדֶע גֶערִיכְטֶע וִויא עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דִיזֶער תּוֹרָה וָואשׁ אִיךְ גִיבּ דָאךְ אִיצוּנְד • בֶּעמֶערְקֶע עֶס • אוּנ פְרֵייעֶע דִיךְ • דָאשׁ דוּא גֶעהֶערְסְט צוּ אַזוֹ אַיין אֵיידֶערֶעם גֶעשְׁלֶעכְט וָואשׁ אִיז פַאר טְרוֹיט מִיט דֶער הוּמַאנֶעטֶעט (מֶענְשֶׁען פְרֵיינְדְלִיכְקַייט) פוּן אֵייבִּיג אָן :

עֶס אִיז אָבֶּער אֵיין אוּמְרֶעכְט פוּן מִיר מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין וָואשׁ אִיךְ דֶער צֵייל דִיר פוּן דֶעם טִירַאנִישֶׁען שְׁקְלַאוֶוען שְׁטַאנְד

וואש

וואש וואר אין דיא אלטע צייטין · ביא דיא אלטע פעקער וואש
עש איז פון זייא קיין זכר דא · וואש דאש קען אוים ווייזען ביא
דיר וויא איין פאבעל (ווידומקע) נור · ווערענד (בשעת) איך האב
דיר צוא דער ציילין געננג פון דעם שקלאווען שטאנד וואש וואר אין
איינגלאנד · אין פראנקרייך · אונ זעלבסט אין פוילען · אונטער
אזעלכע פעלקער וואש לעבען נאך איצונד אין אונזער געבילדעטע
אראפא · אונ איז דא גאר ניט לאנג · וואר עס גאנץ געוואונליך אוים
צוא ביימין בויערן אויף פערד · אויף הינט · צוא שמייסען אן
ארעכענונג אונ ארבעטין מיט דיא בויערין גאר אן אשיעור · דאס
מוזט דוא שוין מיינע טייערע לעזערין נאך זעלבסט געדיינקען ·
נון גאט זייא דאנק האט עס איצונד שוין אויף געהערט אין אראפא ·
אין פראנקרייך איינגלאנד אונ טייטש לאנד האט עס אויף געהערט
באלד שוין אייאר הונדערט · נור אין אונזערע לענדער איז עס ערסט
ניט לאנג אוים געקאסירט געווארין · אלכסנדער דער ערסטער האט
נור צייט געהאט צוא בעפרייען דיא קורלענדעשע בויערין · דער
זעליגער קייזער ניקאלייא דער ערסטער האט בעפרייט די בויערין
פון דיא קרוין גיטער · אונ האט פאר באטין צו פאר קויפען איינעם
פון אפאמיליע אונ האט איין געהאלטין דעם אדעל דאש זייא זאלין
ניט שאלטען אונ וואלטען איבער דיא בויערין וויא זייא ווילין · זיין
זון אבער אלכסנדר דער צווייטער אונזער געליבטער קייזער
אונ אליין הערשער וואש רעגירט יעצט אין אונזער לאנד ירום הודו
ותנשא מלכותו · האט גיטאן אין דיזער זאכע פיל מעהר אלס דיא
פאריגע · דען ער האט בעפרייט אלע בויערין בדרך כלל · אונ
האט אפ געוויסט דיזען שמאך פון זיינע אונטער טאנען · ער וואר
צוואר אין דיזער זאך אין אראפא דער גרעסטער · דען ער האט
מיט זיינעם איידעלען ווילין בעפרייט אויף איין מאל מעהר אלס פינף
אונ צוואנציג מיליאן לייבאייגענע וואש האבין געשמאכטעט פון
אונדיינקליכען צייטען אין דעם טיפסטען שקלאווען שטאנד · נון
קענען מיר אויף אים מיט רעכט זאגין דעם מאמר פון אונזערע חכמים

אין

(אין מצוה נקראת אלא על מי שגומרה) דאס יעדע גוטע זאכע ווערט נור אן גירופין אויף דעם נאמען פון יענעם וואש געענדעט איר · אבער ניט אויף דעם נאמען וואש הייבט איר אן · נאך האט נאך קיין מענטש לבד זיין מאיעסטעט זוכה גיוועזן צוא טאן אזו אדבר צדקה וואש וועט אים בלייבין צום אייביגין אן דיינקען לדור דורים · זיא וועט איבער לעבען אלע מארמארנע מאנומענטין · אלע פאמיאטניקעס · דען אלס ווערט מיט דער צייט שטויב · איינע וואולטאהט אבער אלטערט ניט · וואש איאר נור שפעטער ווערט זיא בערייכערט מיט שענערע ערציילונגען · אונ איר טעהטער (טוער) בלייבט איין היילינגער :

אונ גראדע אין דער זעלבינגער צייט אלס אונזער קייזער האט דיזע אונפערגעסליכע וואולטהאט אויס געפירט אין זיינע גרויסע לענדער אויף דעם פרידליכסטען אונ שטילסטען אופן · ווארי דיא זעלבינגע וואולטאהט אויך אין דיא פעראייניגטע שטאטען (לענדער) פון נארד אמעריקע גישעהען · אבער מיט וועלכען אונטער שייד · ערסטענס האט דיזע בעפרייאונג דארט בעריהרט נור פינף מיליאן שקלאווען · צווייטענס האט זיא נאך דיזע בעפרייאונג דארט נאך ניט גליקליך גימאכט · דען פאר דער האנד האבין זיא זיך ניט וואו אהין צו טאן אונ פון וואנען צו לעבין · דער גרעסטער טייל פון זייא פאר הונגערין אין דיא גאסין · ניט אזו אבער איז דער פאל מיט דיא בעפרייאונג פון אונזערע בויערין · דען אונזער גענעדיגער מאנארך האט זייא פערזארגט מיט שטיקר לאנד מיט וואונונגען אונ זיינען העכסט צוא פרידין אונ גליקליך מיט זייער שטאנד · דריטענס האט דיא אמעריקאנישע בעפרייאונג גימאכט צווייא מאל אזו פיל אום גליקליכע אלס וויא פיל זיא האט גימיינט צוא מאכין גליקליכע · דען דאס איז גישעהען דורך אמלחמה כבדה וואש ווער דאריבער צוא ווישין דיא נארדליכע שטאטען (לענדער) אונ צוא ווישין דיא זידליכע שטאטען · עש זיינען אום גיקומען פון ביידע צדדים פרייע מענשין אראפייער בערך פינף מיליאן · אונ

גיקאסט

ניקאסט האט דיזער קריג מעהר אלס טויזנד מיליאן טאלער · אונ לבד דיא שרפות אונ אנדערע היזקות וואש ווארין אין דיזעם קריג :

דיא שקלאווען וואש ווארין דארט · ווארין נור נעגער אדער מורינעם · זייא פלעגין אהין געבראכט ווערין פון דיא אפריקאנעשע לענדער · זייא זיינען איינע שטארקע קלאסע מענטשין · הויך געוואקסין · מיט שווארצע קורצע געקרייזעלטע האר · גראבע ליפען · דער גרעסטער טייל פון זייא זיינען געציין דינער · אונ זיינען שוין פון אונדיינקליכע צייטין גיברויכט געווארין אין גאנץ אזיען פאר שקלאווען · זייא ווערין דארט אין טומבוקט אונ נאך אין אנדערע שטעט פאר קויפט אויף דיא מערק שטאדעם וויים · זייא ווערין פאר קויפט פון זייערע פירשטען וויא אמאל דא דיא בוערין · אמאל אלס שטראפען פאר קליינע זינדע · אונ אמאל אלס קריגס גיפאנגענע (פלענע) · אונ אמאל פאר שולדין (חובות) :

דאך אבער זינד מען האט גיפונען אמעריקא · האט זיך דער שקלאווען האנדעל צעהען פאך פאר גרעסערט · דיא אורזאכע דער פון וואר נור דיא גרויזאמקייט (אכזריות) פון דיא שפאניער וואס ווארין דיא ערסטע רעגירער איבער אמעריקא · אלס זייא זיינען אהין אן גיקומען האבין זייא דארט דער וויסט בערך צעהען מיליאן מענטשין דיא איינגעבארענע אמעריקאנער וואש ווארין פון רויטער פארבע אונ זייער שוואך דער צוא נאך אויך זייער פויל · נון האבין זייא דיא שפאניער זייער לייכט איין גינומען אונ האבין זייא גימאכט אלעמען פאר שקלאווען · האבין זייא צו ווישין זיך צו טיילט וויא שאף · אונ האבן אן גיהויבן צו ארבעטין מיט זייא אין דיא , גאלד מינען אונ אין דיא זילבער מינען (דאש הייסט אין דיא ארודניקעס) וואש וואר דארט דאן לרוב · אונ נאך מער האבין זייא אן גיהויבין צו מאטערין זייא בייא דער פעריל פישערייא (פערעלפאנג) אונ דאש איז צוא גיגאנגען מיט אזו אהארטין דרוק דאש אין אצייט פון פופצעהן יאר איז פון דיזע קלאסין מענטשין וואש ווארין זייערע צעהן מיליאן געבליבין גאר איין מעט מזער · דער גרעסטער טייל פון זייא

האבין

האבין זיך אליין איבער געפירט פרעגין זיך פאמיליען וויים אויף היינגן· דער טרינקען· דער צוא נאך איז עס גיקומען צוא גרויסע בקוט פאר גיסונגען איבער דיא רעליגיאן זאכין· קורץ דער פון עס איז גיווארין אמעריקא ליידיג אונ וויסט· דען עס זיינען געבליבין וויא צוא זאגין הערין אן קנעכט· אונ האבין זיך אזו גיפונגען גיצוואונגען צו ברייננגען שקלאווען פון אפריקא· אונ פון יענער צייט אן האבין זיך דיא מענטשין מערק דארט אין אפריקא אן גיהויבין צו פערגרעסערין פון טאג צוא טאג· דיא דארטיגע קליינע פירשטען האבין אן גיהייבין צוא פירען צווישין זיך קריג פיל אפטער אלם פריהער אום צוא באקומען איינער פון דעם אנדערין מער גיפאנגענע אום צו פאר קויפין זייא פאר שקלאווען:

נון האבין זיך שוין געפונען זייער פיל שקלאווענהענדלער· על פי רוב אראפייעשע לייטע· וואס פלעגין אום צו רייזען אין דיא אפריקאנעשע לענדער אום עס איין צוא קויפען ביא דיא דארטיגע פירשטען· אונד פלעגין עס איין צו האנדלען פאר איין שפאטגעלד· בערך דרייסיג טאלער פאר דעם בעסטין שקלאווען· אונד אמאל נאך פאר אפאר געלבע שיפיאנעשע שטיפעל אדער. פאר אבוטעלקע אראק· אונ אזו פאר נאך קליינעקייטין· ביא דיא קליינע גוטם בעזיצער פלעגין זייא סאחערין מיט זייא אויף פאצערקעם: אויף שפיגעלאך· מעסערלאך אונ דאש גלייכין· עס פלעגט דער פאר פערקויפט ווערען איין ווירט פון זיין הויז· איין פאטער פון זיין פאמיליע· אמוטער פון קינדער· קינדער פון עלטערין· מען האט ניט געקוקט אויף טרערין· מען האט ניט געהערט קיין וויינען· דען מען האט זייא בעטראכטעט נור פאר בהמות· אונ באמת האבין דיא נעגער איין גרעסערין בונד צוא זייערע פאמיליען אלם מיר אראפייער·

אונ וויא דער איינקויף וואר זייער ביליג אונ לייכט· אזו וואר דער טראנספארט זייער שווער· אונ פארבונדען אפט מיט געפאהר (ככנה) אונ מיט גרויס שאדען· דען דיא שקלאווען

וואש

וואש פלעגען איינגעהאנדעלט צו ווערין טיף אין אפריקא האבין געמוזט געפירט ווערין מיט גרויש שמירה דאמיט זייא זאלין ניט צו לייפען · אדער זייא זאלין איהרע הענדלער ניט טייטען · מען פלעגט אן צו טאן יעדען שקלאווע איינע לאנגע קלאץ אויף דעם האלז וואס צום קאפ צו איזט ער ברייט · אונ בייא דעם ענדע איזט ער שמעלער אונ עס איז אין אים איין פעקיל אריין געשלאגען מיט וואס מען פערצעפעט אים אן דעם נאקען פון דעם אנדערין · אונ אזו האט געהאט דער אנדערער אויך אזו אקלאץ אויף זיך וואס וואר פערצעפעט אויף דעם דריטין · אונ אזו זייען זיך געגאנגען גאנצע סערייענעם פון צוואנציג דרייסיג מאן · אויף דיא קלעצער פלעגט צו הייגען זייערע לאגלען וואסער · אונ זייערע זעקלאך רייז צום קאכין · אונ אלם מען איז געקומען אויף דעם ארט וואו מען דארף רוהען האט מען זיי אפגעצעפעט איינעם פון דעם אנדערין · אונ מען האט זייא גילאזט גיך לייגען אויף דער ערד וואס קיינער האט פון איר שוין ניט געקאנט אויף שטיין ביז דיא מענשען פון דעם שקלאווען הענדלער האבין אים דער צו געהאלפין ווייל דיא קלאץ האט אים געווארגען אראפ · אלם מען פלעגט צו קומען מיט זיי ניט ווייט פון אדארף פלעגין זייא מוזין זינגען · זיך פריילך מאכען · אונ דיא מענשען פון דעם שקלאווענהענדלר פלעגן זיי צו צו האלטין מיט פייקלאך אונ מיט פיאלען · אזו אריזע פלעגט אפט גידויערין ביז מען פלעגט קומען צום ברעג ים דרייא פיר וואכין אונ אפט מעהר · בייא יעדעם דארף פלעגט זיך דער פעקיל סחורה פערמעהרען · דאש האט פאר קויפט אצעהען צוועלף דער גוטס בעזיצער · אונ דאס האט פאר קויפט יעדער ווירט בעזונדר עפעס איין איבעריגען מענשין וואש ער האט בייא זיך אין שטוב פאר אביסיל ווירטשאפט · למשל פאר אפאר בוטעלקעס פראנצויזעשע שנאפס · פאר ארויטע קאמעזעלקע · פאר אשנור רויטע קרעלען האט מען גיקענט אהאלבין דארף אויס ראמען · אונ דאך פלעגט מען נור קוים אצעהנטיל פון דיזע לעבעדיגע סחורה איין פאקין אין

שיף

שִׁיף · דֶען עֶס פְלֶעגִין זֵייעֶר פִיל אוּים שְׁטַארְבִּין אוֹיף דִיזֶע שְׁווֶערֶע רֵייזֶע · פוּן דִיא גְרוֹישֶׁע לַאסְטֶען וָואשׁ זֵייא פְלֶעגִין מוּזִין אוֹיף זִיךְ טְרָאגִין · פוּן דִיא גְרוֹיסֶע הִיצֶען · אוּנ פוּן גְרוֹיש קוּמֶער · דֶען זֵייא פְלֶעגִין שְׁרֶעקְלִיךְ צוּ בֵּיינְקֶען אַהֵיים · אוּנ דָאךְ וָואר נָאךְ דִיזֶע רֵייזֶע צוּא לַאנְד אַלְס וְויא אַיין שְׁפַּאצִיר גַאנְג אוֹיף גֶעבְּלוּמְטֶע פֶעלְדֶר · אַנְטְקֶעגִין דִיא רֵייזֶע וָואשׁ זֵייא הָאבִּין דֶער נָאךְ גִימוּזְט מַאכִין אוֹיף דִיא שִׁיפֶען צוּ וַואסֶער · בִּיז אַמֶערִיקָא :

דֶען זֵייא פְלֶעגִין צוּא וֶוערִין אַיינְגֶעפַּאקְט דָארְט אִין דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע קַאיוּטִין וְויא גֶענְז אִין אַשְׁטַייג · מֶענֶער וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער צוּ זַאמֶען · עֶס וָואר דָארְט אַזוֹ אֵיינְג · שְׁמוּצִיג אוּנ דוּמְפְּפִיג דָאשׁ דֶער דָאקְטָאר וָואשׁ פְלֶעגְט אַרַיין צוּ גֵיין אַהִין אַלֶע טָאג פוּן דִי פְרִיא מָארְגִינְס אוּם צוּא רֶעוִוידִירֶען זֵייא · פְלֶעגְט זִיךְ קוּים אַרוּיס הַאפֶּען · דֶען עֶס פְלֶעגְט אִים פַאר נֶעמֶען דֶער אָטוּם פוּן גִישְׁטַאנְק · ווַייל זֵייא פְלֶעגִין אוּנְטֶער זִיךְ זֵייעֶר בֶּעדֶערְפֶענִיס פֶערִיכְטֶען · אוּנ מֶעהר וְויא צֶעהֶען מִינוּטֶען הָאט מֶען זֵייא נִיט גִיהַאלְטִין אוֹיף דֶעם פָארְדֶעק (אוֹיף דֶעם דֶעק פוּן שִׁיף) אוּנ דָאס נוּר עֶטְלִיכֶע בַּייא זַאמֶען אוּם פְרִישֶׁע לוּפְט צוּ שֶׁעפֶּען · אוּנ אוּם אָפּ צוּ גִיסֶען זֵייא מִיט קַאלְטֶע וַואסֶער :

שְׁרִימֶער הָאט שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט אוֹישׁ זֶעהֶען דָארְט אִין דֶער הֶאלֶע (גהינום) אַלְס וְויא דָארְט אוּנְטֶען · עֶס וָואר דוּנְקֶעל · דוּמְפְּפִיג · אוּנְד אַיין זַאבֶּערֶען אוּנְד אַיין וֵויינֶען הָאט פֶערְהִילְכְט דִיא אוֹיעֶרִין · דֶען עֶס וָוארֶען אוּנְטֶער זֵייא פִיל קְרַאנְקֶע · גוּסֶעסֶע · אַלֶע טָאג פְלֶעגְט מֶען אוֹישׁ קְלַייבִּין פוּן זֵייא עֶטְלִיכֶע טוֹיטֶע וָואשׁ מֶען פְלֶעגְט זֵייא אַרַיין וַוארְפִין אִין מֶער וְויא שְׁטֵיינֶער · אָן אַשׁוּם פַּארַאדֶע אָדֶער צֶערֶעמָאנִיֶע · אוּנ וָואשׁ וַוארֶען בַּאלְד פֶערְשְׁלוּנְגֶען פוּן דִיא הַייפִישֶׁען וָואשׁ פְלֶעגִין נָאךְ צוּא שְׁווִימֶען נָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁקְלַאוֶוען שִׁיפֶען אִימֶר · אוּם צוּ פֶערְשְׁלִינְגֶען דִיא טוֹיטֶע קֶערְפֶּער זֵייעֶרֶע · מֶער פַאר אַלֶץ פְלֶעגְט זֵייא צוּ שַׁאדֶען דִיא אַנְגְסְט דָאשׁ מֶען פִירְט זֵייא קַיין אַמֶערִיקָא אוּם נוּר צוּא פַאר בְּרֶענֶען זֵייא דָארְטִין · אוּם צוּא

דעסטאלירע

דעסטאלירען מיט זייער אש דעם צוקער · אונ ווען דער שקלאווע הענדלער האט גיבראכט קיין אמעריקא צעהען פראצענט געזונטע וואר עש שוין איינע גליקליכע נסיעה ·

קומענדיג שוין אהין פלעגט דער שקלאפענהענדלער מאכין אגרוישין באלאגאן אין וועלכין ער פלעגט אריין צוא נעמען דיא שקלאווען · פלעגט זייא ארום וואשין · אונ אן טאן אין קורצע הויזין · דיא פרויען אין קורצע קליידלאך · אונ מען האט אן געהייבין דארטין איין עטוואס צוא צו זעהען · אונ דאש האט געדויערט איינינע טעג ביז עש זייען צוא זאמען גיקומען סוחרים אדער פאקופאטעלעם · אונ דאן פלעגט זיך אן הייבין דיא שרעקליכע שצענע פון דער שיידונג · דען מאנכער גוטש בעזיצער אדער פפלאנצער פלעגט מער ניט קויפין וויא אמוטער אונ דאש קינד ניט · אונ מאנכער פלעגט נור צו קויפין אקינד אונ דיא מוטער ניט · נון וואר דארט געוויין איבער געוויין · געיאמער איבער געיאמער גאר אן אשיעור · עש וואר דאן איין אייביגער זעגענען זיך · דען יעדער פון זייא האט שוין גיוואוסט אויף קלאר דאש ער וועט דא ניט פיל מישט אן מאכען · דאש זיינע טעג זייען געציילט · אונ פלעגין צו שילטען דעם טאג וואש זייען געבארען געווארין · אונטער דיזע שקלאווען פלעגין זיך אפט געפינען · קינדער פון מאהרעשע פירשטען · מענער פון גרוישין פערשטאנד · וואש האבין דער נאך געשפילט גרוישע ראלען אין דעם שקלאפען אויפשטאנד (מרידה) וואש וואר אין סאנקט-דאמינגע · וויא דער וועלט בערימטער נעגער גוסט אונ וואזע וואש וואר דארט אין בענין פערקויפט געווארין פאר זעקס זילבער גראשין · נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט וויא שמערצליך עש וואר אזעלכע גייסטער (גרוישע מענשען אדער חכמים) צו טראגין אויף זיך יארין לאנג דעם שווערין יאך פון דער שקלאווערייא · אונ וויא גרויש עש וואר זייער בייענקען אהיים ·

אונ דארט אין אמעריקא פלעגין מיט זייא זייערע הערען ארבייטען וויא מיט פערד · אונ שלאגין זייא גאר אן ערבארעמען ·

מען

מען פרעגט אויש צו זוכין בלבולים אום נור צוא בעשטראפין זייא זייער הארט · דאמיט זייא זאלין זיין בייא זיך אימער געבייגט אונ אראפ געפאלען · דאש דער געדאנקען פון פרייהייט זאל זייא קיין מאל אויף געדאנקען ניט ארויף קומען · אונ זאלין ניט מורד זיין · אונ דאהער וואש איין הערר האט זיינע שקלאווען אלץ מעהר בעדריקט וואר ער אלץ מעהר געריהמט בייא דער דארטיגען רעגירונג :

איין געוויסער פפלאנצער (גוטס בעזיצער) פלעגט אפט איין שפאנן אכט אדר צעהן נעגער אין זיין פאיעטען אונ פלעגט מיט זייא צו פארען אין דיא גרעשטע היצען איבער טיפע זעמד · אונ פלעגט איבער זייא צוא פלאסקען מיט אראנגין בייץ ביז דאש בלוט אונ שוויים האט גערונען איבער זייערע רוקענס · אונ קומענדיג אהיים האט ער געלאזין זייערע וואונדין אויש וואשין מיט עסיג אונ זאלץ דאש דיא בראנד זאל ניט צו פאלין ·

מאנכע הערען וואש האבין געהאט שיינע שקלאווינען פלעגין זייא זיי טרייבין דאש זייא זאלין גיין פערדינען אין לושט הייזער שאנדען געלט · דיא קליינע קינדער פלעגין זייא צו טרייבין אין דיא פעלדער דאש זייא זאלין פאנגען דיא קליינע פייגעלעך וואש מען רופט קאליבריעס וואש דיא פארנעמע דאמען פוצין זיך אויש מיט זייערע גאלדענע פעדערין · אין דיא פאריגע צייטין האבין דיא פפלאנצער גוטש בעזיצער גיהאט דאש רעכט אזוא גאר צוא טייטין זייערע שקלאווען · אונ ווען איין פפלאנצער (פאמעסציק) האט זיינעם אשקלאווען אויפגעהאנגען ווייל ער האט אין אים דער שפירט אדוך פון עמפערונג (מרידה) האט אים דיא דארטיגע רעגירונג דער פאר זייער געדאנקט אונ האט אים אויך זייער גוט בעלוינט · דען לבד וואש זיא האט אים בעצאלט פאר דעם שקלאווען וואש ער האט אים געקאסטי האט זיא אים נאך בעפרייט אגאנצין מאנאט פון אפגאבין · אונ דאהער פלעגין מאנכע פפלאנצער אויף הייגען בייא זיך זייערע שקלאווען וואס זייען געווארין קייליקעס וואש זייא האבין שוין ניט געטויגט צוא דער ארבייט אונ פלעגין

דער

דער פאר בערוינט ווערין פון דער דארטיגע רעגירונג · אונ מאנכע פלעגין צוא קויפען גאר אומישנע קיילעקעס אדער אלטע פאר אשפאט געלט אונ דער שקלאווענהענדלער פלעגט זייא ארויס געבין אשריפט דאש ער איז בעצאלט געווארין פאר זייא זייער טייער · אום זייא זאלין האבין וואש אויף צוא הייגען אונ בערוינט ווערין דער פאר · עש האט אבער דיזע געזעטצע אויף געהערט · נור וייל מען איז געוואר געווארען פון דיזעם בעטרוג :

אונטער דיא אמעריקאנעשע שקלאווען ווארען זייער פיל פערשיידענע קלאסען · איינע קלאסע וואר עכטע אפריקאנער שווארצע וויא פעך מיט קורצע נעגרייזעלטע האר · דיא צווייטע קלאסע וואר די מולאטין · דאש הייסט אזעלכע וואש ווארין גבארין פון אשווארצע מוטער אונ פון אווייסין פאטער · דיזע ווארען שוין נור מער ניט וויא רעכט דונקעל אונ האבין גיהאט איין שענערעס געזיכט · דיא דריטע קלאסע ווארען דיא מעסטיצען דאש זייען אזעלכע וואש ווארען געבארין פון איינער ווייסין מוטער אונ פון איין אינדיאנישען פאטער · דאש הייסט וואש ער איז פון דיא אלטע אמעריקאנער וואש מען האט זייא דארט דערוויסט בשעת מען האט אמעריקא געפונען · דיזע ווארען נאך העלער · אונ אזו ווארען דארט נאך זייער פיל פערמישונגען למשל דיא קינדער וואש קומען ארויס פון איין מולאט וואש האט געלעבט מיט איינער מעשטיצען ·

אויך דיא פרייע מענשין וואש זיינן דארט ווערן איינגעטיילט אין צווייא קלאסען · איינע קלאסע איז יענע וואש וואנדערין אהין אריין פון אייראפא וואש זייען אזו ווייס וויא מיר אונ בלייבין אזוא ווייס ביז זייער טויט · דיא אנדערע קלאסע זייען דיא קרעאלען · דאש הייסט דיא קינדער וואש ווערין שוין דארט געבארען פון ווייסע עלטערין · דיזע פערלירן שוין זייער פיל פון זייער ווייסקייט · דען זייא זעהען אויס וויא פערברוינט · דאך זייען זייא זייער שיין · אונ ווערין זייער גיך צייטיג · אקינד פון אניאר צעהען האט דארט אזו פיל פערשטאנד וויא ביא אגרויסר מענש · אונד ווערין אבער

דער

דֶער פָּאר אויךְ גִיךְ אַלְט · אוּנ דִיזָע קְלַאסָע מֶענְשֶׁין זַייעֶן דָארְט דִיא הֶערְשֶׁענְדֶע · דִיא פְּפְלַאנְצֶער · אוּנ דִיא גְרויסָע הֶערֶרֶען ·

נוּן בְּלַייבְּט מִיר נָאךְ אִיבֶּערִיג צוּ דֶער צֵיילֶען דִיר אַיין עֶטְוָואס מֵיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין פוּן דִיא שְׁוֶוערֶע אַרְבַּייט וָואשׁ דִי שְׁקְלַאוֶוען הָאבִּין דָארְט גֶעאַרְבַּייט · אוּנ פוּן זֵייעֶרֶע מְרִידוֹת וָואשׁ זֵייא פְלֶעגִין דָארְט אָפְּט צוּא מַאכֶען · דִיא שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבַּייט וַואר זֵייעֶרֶע אִין דִיא צוּקֶער פַאבְּרִיקֶען · מֶעהְר וְויא צֶעהֶען יָאר הָאט דֶער שְׁטַארְקְסְטֶער שְׁקְלַאוֶוע נִיט גִיקֶענְט אוֹיס דוֹיעֶרִין · דֶער נָאךְ פְּלֶעגְט עֶר וֶוערִין שְׁוַואךְ אוּנ קְרַאנְקִ׳עֶל פִּי רוֹב פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין פְרִיעֶר אוֹיס דִינֶען · דֶען מֶען וָוערְט זֵייעֶר לַייכְט דָארְט אַקִיילִיקֶע · אִין דִיא צוּקֶערְמִילֶען · עֶשׁ רַייסְט אָפּ אַהַאנְט אַפוּס · אוּנ אַמָאל דְרֵייט זִיךְ אַיין דִיא הָאר אִין דֶער מַאשִׁינֶע דְרֵייהֶעט עֶס אַרוּנְטֶער דֶעם קָאפּ · אויךְ דֶער בַּאוֶועל פְּלִיקֶען אוּנ רֵיינִיגִין אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּנ זֵייעֶר שְׁקוּצְנֶע · דָאשׁ דִיא שְׁקְלַאוֶוען פַאלִין אַרַיין דוּרְךְ דֶעם אִין אַפִּינְסְטֶערֶע מָרָה שְׁחוֹרָה · דָאס זֵייא הֶערִין אוֹיף צוּא עֶסִין · צוּא טְרִינְקֶען · הֶערִין אוֹיף צוּא גֵיין צוּ דֶער אַרְבֶּעט · עֶשׁ הֶעלְפְּט קַיין גִיבֶּעט קַיינֶע שְׁלֶעג · בְּלַייבִּין זִיצִין אוֹיף דִיא עֶרְטֶער בִּיז זֵייא פַּאר גֵייעֶן אָדֶר צוּא הֵיינְגֶען זִיךְ · אוּנ דַאן בְּלַייבְּט זֵייעֶר הֶער אַיין אֶבְיוֹן :

אויךְ זֵייעֶר עֶסִין אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט גִיוֶועז דָארְט · דֶען דֶער הֶער פְּלֶעגְט זֵייא גָאר נִיט צוּא גֶעבִּין לְבַד צוּ שְׁטִיקְלַאךְ עֶרְד וָואשׁ דִיא שְׁקְלַאוֶוען פְּלֶעגִין עֶס פֶּערְזֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע לֵיידִיגֶע שְׁטוּנְדֶען · דָאשׁ הֵייסְט בַּייא נַאכְט אַלְס זֵייא פְלֶעגִין צוּ קוּמֶען פוּן דֶער אַרְבֶּעט · אָדֶער אִין דִיא זוּנְטִיג טֶעג · אוּנ בַּייא דִיא אִידֶעשֶׁע פְּפְלַאנְצֶער אִין דִיא שַׁבָּתִים טֶעג אויךְ · זֵייא פְלֶעגִין דֶער פוּן צוּא הָאבִּין זֵייעֶר וֵוייטִיג · קוּים אוּם דָאשׁ לֶעבִּין צוּ דֶער הַאלְטִין · אוּנ דָאשׁ גְלַייכֶען פְּלֶעגִין זֵייא זִיךְ קְלֵיידִין נוּר מִיט גְרָאבֶּע לַייוֶוענְט וָואשׁ זֵייא פְלֶעגִין עֶס צוּא מַאכֶען פוּן דִינֶעם בַּאסְט (לִיקֶע) :

בַּייא מַאנְכֶע הֶערִין אָבֶּער פְלֶעגִין זֵייא צוּ הָאבִּין פִּיל בֶּעסֶער · אוּנ וַוארִין דַאהֶער אִים זֵייעֶר טְרַייא אוּנ פְלַייסִיג אִין דֶער אַרְבֶּעט ·

ביא מאנכע הערין אבער ווארין זייא אזו שלים בעהאנדעלט · דאס זייא פלעגין זיך זעלבסט ערמארדען °) אנטלויפין · אדער גאר מאכין איין מרידה :

קיין אום גליק אין דער וועלט גלייכט זיך צו דעם אום גליק פון איינער שקלאווען מרידה · דען זייא זיינען גרויסע בעלי סודות · אונ גיבען איינער דעם אנדערין ניט אויש · אונ אזו האבין זייא אמאל גיהאלטין גאנצע צעהען יאר אינם געהיים איינע פאר שווערונג (בונד) געגען זייערין אהערין · אונ מען איז ניט גיוואר גיווארין דער פון ביז דיא לעצטע מינוט · אונ דאן ווייהע דעם הערין וואש זיינע שקלאווען שטייען אנטקעגין אים אויף · זייא טייטין אים מיט זיינער גאנצע פאמיליע · מיט דער גרעסטע אכזריות אין דער וועלט · זייא פאר ברענען זיינע מאגאזינען · אונ מארדין אוים אלעם וואש רעבט נור הוץ זייא דארט אין דער פלאנטאזע · מען לאזט ניט אציגיל אויף אציגיל · קיין גאנצין שטיין אונ קיין בוים · זייא פאר ווישטין אונ טיליגען אלץ אוים · אונ דער נאך אנטלייפין זייא אין דיא טיפע וועלדער אדער אין דיא ווייטע געבירגע וואש דארט זיינען דא שוין זייערע באנדען (שייקעם) וואש מען רופט זייא בושמענער · דיזע באנדין ווארין באוואפינט · אונ פלעגין איבער צו פאלין איבער די פלאנצער מיט גרויש צארין · אונ פלעגין דארט מקריב עולמות זיין · דיא שרעקליכסטע מרידה פון דיא שקלאווען וואר אין

סאנקט

---

°) דיא נעגער בעזיצין דיא קונץ צוא דער ווערגין זיך מיט זייערע אייגענע צינגער · זייא שלוקען עם ארונטער מיט אגרוים האסט אונ דיא צונגע בלייבט שטעקין אין האלז וויא איין ביסען · זיי פלעגין עם צו טאן על פי רוב בשעת מען פלעגט זייא זייער שטארק נאקאזעווען · איינער וואש מען האט אים זייער שטארק גימאטערט דאש ער זאל וואש אויש זאגין האט ער פון גרוים כעם אפ גיביסין זיך דיא צונגע אונ האט איר זיינעם הערין אריין גישפייגין אינם גיזיכט :

סאַנקט־דאָמינגָע וואָס מען רופט עס אויך האַיטע · מיר וועלן דער פון שפּעטער שרייבּין בּאַריכות:

נון מיינע טייערע לעזערין · האָב איך דיר שוין גינוג בּאַקאַנט גימאַכט מיט אַלע ענינים וואָס עס איז דיר נייטיג צו וויסין צוא אונזער געשיכטע·פֿון דעם פֿרומען אונ בּראַווען שקלאַווען אָנקעלטאָם וואָס וואַר צוואַר קיין יודע · קיין קריסט · אונ קיין געצענדינער · נור אַמאַמין אין דעם בּורא בּרוך הוא אונ אין דער בּיבעל · דאָס מען האָט אים גיקענט רופין מיט רעכט גר תושב °) · ער וואַר פֿריהער דאָרט אין אַפֿריקא איין הײדע (אָן אַגלויבּין) אונ קומענדיק קיין אַמעריקא איז ער אָן גיקומען צוא איין אידעשין פּלאַנצער (פּאָמעסציק) נון האָט ער גיהאַט דאָרט איינע גוטע גילעגענהייט צו בּאַקאַנט זיך צוא מאַכין מיט דעם איינציגין גאָט אונ מיט זיינע הײליגע בּיכער · עס איז פֿון דיזער גישיכטע צו לערנען זייער פֿיל מוסר · גאָטס פאַרכט · אונ וויא מען מוז האָבּין דיא גרעסטע געדולד אין אַלע נויטין · אונ ווידר אום צוא: זעהען וויא ווייט מען דאַרף דאַנקין גאָט אונ בּענטשין אונזער קייזער ירום הודו ותנשא מלכותו · דאָס ער האָט דעם שקלאַווען שטאַנד אויס געקאַסירט פֿון אונזערע לענדער אונ שוין כּמעט פֿון דער גאַנצער וועלט · דען אונזר קייזער בּעפֿרייט דיא שקלאַווען דאָרט אין אַזיען אויך · אין דיא נאַייע לענדער וועלכע גאָט האָט זייא בּאַגליקט צוא שטיין אונטער זיינע מענשען פֿריינדליכע רעגירונג:

אין

°) גר תושב הייסט בּייא אונז אידין ווען איין היידע · דאָס הייסט אַמענטש אָן אַגלויבּין · הייבּט אָן צוא גלויבּין אין דעם איינציגין גאָט · אונ איז מודה דאָס גאָט האָט אידין גיגעבּין אַתּורה: נור ער אַליין האַלט נור די שבע מצות אַליין וואָס גאָט האָט דעם נח גיבּאָטין · אונ איז זיך אַזוי גאָר מל · עסט זיך נבלות וטריפות חזיר · אַזוי אַמענטש האָט בּייא אונז אידין אין אונזער לאַנד גיהאַט גלייכע בּירגער רעכט וויא איין עכטער יודע:

פֿון א. מ. ד.